בס"ד

# השגחה פרטית

וואונדערליכע 'השגחה' 'פרטית' מעשיות פון היינטיגע צייטן - דערציילט אויף דער השגחה פרטית האטליין

מכון שער הבטחון
פותחים שער לחיים שלווים

פרשיות במדבר - נשא תשפ"ב ◆ עלון מס': 90

## דברים שבלב

אויסציגן פון די שיעורים אין 'שער הבטחון' פון ספר חובת הלבבות

## די תועלת און די שאדן ליגן אין די האנט פון דעם בורא

ווען מען רעדט פון בטחון איז דא אזא זאך ווי עס שפירן. מען קען לערנען אסאך און וויסן אסאך אבער ווען עס קומט אין די ריכטיגע מינוט און מען שטייט אין א פארלעגנהייט ווערט א מענטש דערשראקן און הייבט אן ווערן באזארגט. אז איינער שטרעקט אים אויס הילף לויפט ער עס נעמען. אז מען זאגט אים אז דער און דער מענטש האט פארבינדונגען אין די ריכטיגע פלעצער לויפט מען צו יענעם און ווען יענער וויל נישט העלפן רעגט מען זיך אויף יענעם.

ווער עס לעבט כל ימיו מיט'ן געפיל אז דער און דער איז דער שליסל צו דאס און דער צו דאס, דער פארלירט זיין מנוחה אויף די וועלט. אז ער הערט אז איין טאג האט אויסגעבראכן א מלחמה ווערט ער דערשראקן ביז צו די טיפעניש פון זיין הארץ.

מען זעט א מורא'דיגער חילוק צווישן די צוויי סארט מענטשן. דער וואס לעבט מיט די וועלט איז אן אייביגער שרעק. אז ער הערט אז עס פייפט א סירענע ווערט ער דערשראקן. ציטערדיגערהייט נעמט ער צוזאמען אלע זיינע קינדער און שפארט זיי איין אין דער שעלטער צימער. דער טיר פון דעם שעלטער פארקלעבט ער מיט דיקע קלעב און יעצט שפירט ער זיך פארזיכערט. דער צווייטער הערט אויך די סירענע. אויך ער גרייט זיך אריינצוגיין אין דער שעלטער ווייל מען דארף דאך טון השתדלות אבער ער ווערט נישט נערוועז. אנשטאט צו צוקלעבן די טיר מיט שטארקע קלעב זינגט ער זיך אונטער **'עזרינו בשם ה' עושה שמים וארץ'**. און רופט אויס מיט א גרויסע שמחה די ווערטער וואס דער חובת הלבבות זאגט: **'אין רשות ביד אף אחד מהברואים בעולם להועיל או להזיק אם לא ברצון הבורא'** אז קיין איינער קען אים נישט שלעכטס טון אויב דער באשעפער וויל נישט אז עס זאל אים באטרעפן א שלעכטער זאך.

ווען מען זעט דער שכן פארקלעבן די טיר מיט קלעב אז קיין שום מזיק זאל זיך נישט קענען אריינדרינגען פון די שפאלטענעס שמייכלט מען זיך אונטער. צי מיינסטו אז דאס העלפט? דאס איז נאר די השתדלות. בעסער וואלט ווען געווען ווען דו קלעבסט זיך צו מיט אמונה, מיט בטחון, אז דו נעמסט אריין טיף אין דיין הארץ אז קיין איינער אין די וועלט קען דיר נישט קיין שלעכטס טון אויב דער רבוש"ע גיט נישט קיין רשות.

די ידיעה דארף פלאקערן אין אונז. עס איז דא וואס זאגן 'בעזרת השם' אבער אינעווייניג פארזיכערן זיי זיך אינעם כח פון עפעס א מענטש. אבער עס איז נישט אמת. בעסער וואלט ווען געווען ווען אלע זיינע מחשבות זענען געוואנדן צום בורא כל העולמים, דער עשה ועושה ויעשה לכל המעשים.

דער רבי ברענגט אראפ דער פסוק פון **'אל תבטחו בנדיבים, בבן אדם שאין לו תשועה'**.

און דער פת לחם אויפ'ן ארט שמועסט אויס צוויי פשטים. איינס אז א מענטש האט נישט פארוואס זיך צו פארלאזן אויף א צווייטן ווייל דער צווייטער קען אים נישט ברענגען די ישועה. עס מאכט זיך טאקע אמאל אז א מענטש איז א שליח אבער ער איז נאר דער שליח און נאר אז מען וויל פון הימל ער זאל זיין דער גוטער שליח באקומט ער די כוחות דערפאר.

די צווייטע געדאנק איז אז מען זאל זיך נישט פארלאזן אויפ'ן מענטש ווייל א מענטש קען זיך נישט אליין ברענגען א ישועה. דער לעבן פון א מענטש איז איין קייט פון טוישונגען, ער קען זיך אליין נישט העלפן און וויאזוי ווילסטו אז ער זאל דיר העלפן?

די גמרא אין מסכת חולין (דף ז:) זאגט, **אומר רבי חנינא, אין אדם נוקף אצבעו מלמטה אלא אם כן מכריזין עליו מלמעלה, שנאמר מה' מצעדי גבר** וכו'. אז א מענטש געט נישט א קלאפ מיט'ן פינגער ביז מען רופט נישט אויס למעלה. א קלאפ מיט'ן פינגער איז די קלענסטע ריר וואס א מענטש געט און אויך דאס קען מען נישט טון אן די רצון הבורא ווייל קיין איין זאך אויף די וועלט קען זיך נישט רירן אן רשות פון הימל.

און ווי דער רבי פירט אויס אין סוף פרק ג' ענדע פון דער פינפטער תנאי, אז ווען א מענטש וועט שפירן אז קיין שום זאך אין די וועלט קען נישט געשען אן די רשות פון אויבן וועט ער אויפהערן מורא צו האבן און צו האפן אויף קיין שום זאך אויף די וועלט, נאר זיך פארלאזן אויפ'ן בורא אליינס.

ויהי רצון מלפני אבינו שבשמים אז מיר זאל זוכה זיין זיך צו שטארקן מער און מער אין אמונה און אנקומען צו לעבן א לעבן פול מיט שלוה און בטחון.

(ארויסגענומען פון שיעור 39 אין שער הבטחון)

**די שיעורים ווערט ארויפגעלייגט דורכאויס די וואך - מען קען עס הערן ביי נומער 4** [נאכן אויסוועלן די שפראך וואס איר ווילט הערן]

## די וועכענטליכע השגחה

### דער גרויסער סוד

א איד איז אריינגעקומען צו זיין רבי דערביטערט און פארוויינט.

"רבי". וויל דער איד פארשטיין.

"פארוואס דארף איך ליידן אזויפיל? מיין שכן האט פרנסה בשפע, מיין ברודער האט אזעלכע פיינע קינדער, מיין חבר מאכט די בעסטע שידוכים און נאר איך בין שטעקן געבליבן.

פארוואס און פארוואס? וויל דער איד וויסן.

דער רבי עפענט אויף פאר'ן איד דריי ספרים, אלע דריי ספרים זאגן די זעלבע זאך. דער רבינו בחיי (דברים כב, ח), דער תורת המנחה פון רבי יעקב סקולי, א תלמיד פון דעם הייליגער הרשב"א (פרשת מטות - מסעי, דרשה סד) און דער ספר חסד לאברהם פון דער הייליגער מקובל רבי אברהם אזולאי (מעין ד - נהר יא).

דער תורת מנחה געט צו פארשטיין דער געדאנק נאכ'ן אנהייבן מיט די ווערטער: **ואתה בן אדם פקח עיניך וראה, ובאזניך שמע הסוד הנפלא הזה:**

דער סוד איז אז איידער א מענטש קומט אראפ אויף די וועלט ווייזט מען אים וויאזוי עס גייט אויסזען זיין גאנצער לעבן. פון איין זייט זעט ער אלע שוועריגקייטן וואס ער גייט אריבערגיין אויף די וועלט, פון די צווייטע זייט זעט ער וואספארא גוטס גייט ארויסקומען פון די שוועריגקייטן. מען ווייזט אים די גוטסקייט פון עשירות אבער די נסיונות וואס עס ברענגט מיט זיך. מען ווייזט אים די מעלות פון יעדער פארמעסט וואס ער גייט אריבערגיין אויף די וועלט, אויך די רוחניות'דיגע נסיונות. אלעס ווייזט מען אים, אויך צי ער גייט זיין א הויכער מענטש, א דארער צי א נידריגער אדער א בעל מום.

און דער רבי פירט אויס אז דער מענטש וועלט זיך אויס וועלכער זאך ער וויל, לויט די נסיונות וואס ער וויל האבן. [תורת המנחה]

זאגט דער איד צום רב, אז אמת טאקע אז ער האט זיך עס אליין אויסגעוועלט אבער דעמאלטס האט ער נאכנישט געוואוסט ווי שווער עס גייט זיין. ווען ער וואלט ווען געוואוסט וואלט ער עס נישט אויסגעוועלט.

זאגט אים דער רב, מיין טייער קינד, דו ביסט זיך טועה. דו מיינסט אז דעמאלטס האסטו נישט געוואוסט, דער אמת איז אז יעצט ווייסטו נישט. דעמאלטס ווען דו האסט זיך אויסגעוועלט האסטו געזען די גוטס פון די זאך אבער יעצט זעסטו נאר די שוועריגקייט און וועגן דעם קען זיך א מענטש נישט באקלאגן פארוואס זיין חבר האט א שיין געשטאלט און ער האט א מיאוס'ער געשטאלט, ווייל ער האט זיך עס אליינס אויסגעוועלט. [חסד לאברהם]

פירט אויס דער רב צו דעם איד: און יעצט דאנק השי"ת פאר די פארמעסט, ווייל דו אליינס האסט זיך אויסגעוועלט די שוועריגקייט, ווייל יעדער שוועריגקייט אויף די וועלט ברענגט דיר נענטער צו די אמת'ע גוטס, צו דער אייביגער וועלט, ווייל יעדער וואס איז העכער פון זיין דור וועט זיין נידעריגער נאך תחיית המתים און די זעלבע איז אויך לגבי דער ארעמאן צי דער עושר, דער שוואכער צי דער שטארקער, דער שיינער קעגן דער מיאוס'ער און אזוי ווייטער. [חסד לאברהם]

און ווען מען נעמט דאס אריין אין הארץ האט מען א גוטער לעבן, די לעבן איז פול מיט שלוה, מיט שמחה.

א גוט שבת, **פינחס שפר**

# ניסיך שבכל יום

## וואונדערליכע השגחה פרטית געשיכטעס דערציילט אויף די השגחה פרטית האטליין

## דער "צענטער" איז הייליג

איך וואוין אין ירושלים. איך בין אן איינגעשטעלטער אין א ישיבה. מיט א שטיק צייט צוריק האב איך זיך געטראפן פארפלאנטערט אין א געוויסער פלאנטער און איך האב זייער שטארק אויסגעקוקט אויף א ישועה. אין יענער צייט האב איך געהערט אז עס איז דא סגולה נפלאה צו מאכן א סעודה נאך איידער מען ווערט געהאלפן און דאנקען השי"ת אויף דער נס וואס גייט געשען בעתיד.

די סגולה איז מרומז אין די ווערטער 'סעדני ואוושעה' אז ערשט מאכט מען א סעודה און שפעטער ווערט מען געהאלפן.

זייענדיג איינגעשטעלט אין א ישיבה האב איך איינגעלאדענט די תלמידי הישיבה צו די סעודה. צווישן זיי איז געווען א טיכטיגער בחור און איך האב אים געבעטן ער זאל אראנדזשירן די סעודה ווען כ'זאג אים אן אז ער זאל מאכן די סעודה נאנט צו א ציון פון א צדיק אזוי אז גלייך נאך די סעודה זאל מען זיך קענען שטעלן דאווענען און מתפלל זיין בדבר ישועה ורחמים.

דער בחור האט זיך פאראינטערעסירט וואו עס איז דא א קבר פון א צדיק. ער האט זיך דערוואוסט אז עס איז דא א קבר פון א צדיק נעבן די שטאט בית שמש און אהין געברענגט דעם עולם. מען האט געזוכט דער ציון אבער מען האט עס נישט געטראפן. ווען עס איז אריבער כמעט צוויי שעה און מען האט נישט געטראפן דער ציון האבן מיר באשלאסן אז מען גייט שוין מער נישט ווארטן. מען האט זיך געגרייט פאר די סעודה אבער אזוי ווי עס איז שוין געווען נאכט האבן מיר ערשט געוואלט דאווענען מעריב און גלייך נאכדעם זיך וואשן אבער מיר זענען נאר געווען ניין, עס האט אונז געפעלט איינער צו מנין.

בשם דער בעשטה"ק איז דא א קבלה אז אויב עס איז דא ניין קומט אונטער א צענטער און אויב אזוי דארפן מיר פשוט ווארטן אז דער צענטער זאל אנקומען. עס האט נישט אויסגעזען ווי איינער גייט אונטערקומען אבער מיר האבן זיך געשטארקט אז איינער וועט אנקומען.

עס איז אריבער אפאר מינוט און מען הערט א קול פון א מאטאר דערנענטערט זיך. עס איז געווען א קאר פון א איד. דער איד האט נישט אויסגעזען קיין שומר תורה ומצוות אבער זעענדיג אז מיר קוקן אויף אים, האט ער אונז בארואיגט, אז מיר דארפן זיך נישט זארגן, ער האט זיך אפגעשטעלט דא, זעענדיג אז עס איז א ליידיגער פעלד, ער וויל זיך אויסציען די ביינער פאר א פאר מינוט.

מיר האבן געבעטן ער זאל זיך אנשליסן אין די מנין. ער איז טאקע נישט א פרומער איד, אבער א איד. ער האט מסכים געווען. מיר האבן געדאווענט און נאכ'ן דאווענען האב איך אים געזאגט די איבער

## טאטע איך בעט דיר געב מיר!

מיט צוואנציג יאר צוריק בין איך געווען א בחור אין די מירער ישיבה. דער סדר אין די מירער ישיבה איז אז מען דארף זיך אויסצאלן די דארמיטארי און ווען איך בין אהין געפארן בין איך אהין געפארן אדעתא דהכא אז מיין טאטע גייט מיר בס"ד צאלן די הוצאות וואס עס קאסט אפ די דארמיטארי מיט די דירה געלט.

בימים ההם האט די דירה געלט געקאסט הונדערט דאלער א חודש און מיין טאטע פלעגט מיר שיקן מאנאטליך דאס געלט. אין א טאג באקום איך א טעלעפאן פון שטוב, מען מעלדט מיר איין אז צוליב די שווערע עקענאמישע לאגע וועלכער הערשט לעצטענס אין שטוב קען מען מיר נישט שיקן דאס געלט פון שטוב.

"אין די ישיבה קענסטו ווייטער לערנען אבער קיין געלט פאר די דארמארטארי קענען מיר מער נישט שיקן". האט די מודעה געזאגט מיט א טרוקעניש.

איך בין געווארן אויסערזיך. איך בין א בחור. קיינמאל פריער האב איך נישט געטראגן די לאסט פון געלט און דא פלוצלונג וועל איך זיך מוזן ספראווענען יעדער חודש מיט אזא זאך. איך האב באשלאסן ביי מיר אז איך וועל ווייטער לערנען און די ישועה וועט שוין קומען צוגיין. די טעג זענען אריבער און איך האב זיך געטראפן שטיין דריי טעג פאר ראש חודש און מיינע טאשן זענען ליידיג. איך האב נישט קיין דאלער, נישט קיין שקל און דא מוז איך איינצאלן א הונדערטער.

נישט וויסענדיג וואס צו טון האב איך אראפגעלייגט מיין קאפ אויפ'ן סטענדער אין די ישיבה און זיך געוואנדן צום רבונו של עולם מיט א תפילה.

"נאר דו קענסט מיר העלפן! איך וויל בלייבן לערנען! איך וויל נישט ווערן קיין ארבעטער. שיק מיר צו דאס געלט".

א שטיק צייט האב איך אזוי געזאגט די תפילה בעטנדיג פון טיפן הארצן אז דער רבוש"ע זאל מיר מזמין זיין די געלט וואס עס פעלט מיר אויס צוצאלן פאר די דארמיטארי.

ווען איך האב אויפגעהויבן מיין קאפ בין איך געווען נאך א תפילה פון טיפן הארצן. איך האב באמת געשפירט אז נאר דער רבוש"ע קען מיר העלפן.

און פלוצלונג, איך געב א קוק אויפ'ן ערד און איך זעה ווי אויפ'ן ערד, נעבן מיין שיך, ליגט אויסגעלייגט א שטר פון הונדערט דאלער. איך האב זיך אראפגעבויגן עס אויפצוהייבן. איך האב זיך געגעבן א קוק ארום און זעענדיג אז נישט ווייט פון מיר שטייט א גבאי צדקה מיט א פעקל באנקנאטן בין איך צוגעגאנגען צו אים און אים א פרעג געגעבן צי דער הונדערטער איז נישט זיינער.

ער האט איבערגעציילט די בינטעל וואס ער האט געהאלטן אין זיין הענט און ער געבט מיר א זאג אז ניין! עס איז נישט זיינער.

עס איז טאקע נישט געווען זיין געלט אבער אפשר איז עס א צווייטענס. איך האב געפרעגט דער ראש הישיבה רבי נתן פינקל זצ"ל וואס איך דארף טון האט ער מיר געזאגט אז די ישיבה האט א דין פון א רשות הרבים און איך קען עס נעמען פאר מיר אבער אויב איך וויל דווקא זאל איך הענגען א השבת אבידה צעטיל און ווארטן צי איינער וועט זיך אנרופן. איך האב געהאנגען און קיין איינער האט זיך נישט אנגערופן.

זעענדיג אז קיין איינער רופט זיך נישט אן האב איך פארשטאנען אז די געלט האט מען מיר צוגעשיקט פון הימל אז איך זאל עס נוצן צו באצאלן די דארמיטארי.

איך האב עס גענוצט און זיך געפריידט אז דער ערשטער חודש איז געדעקט. א חודש איז אריבער און דאסמאל איז מיין חבר געווען דער גוטער שליח.

אין א טאג זאגט מיר מיין חבר אז א נדבן האט אים געגעבן א סומע געלט פאר צדקה און עס איז אים איבערגעבליבן 86 דאלער. צי איך האב וואס צו טון מיט דעם.

"זיכער האב איך". האב איך אים געענטפערט און עס גענומען פון אים און די איבריגע האט השי"ת צוגעשיקט פון אנדערע וועגן.

און דער זעלבער זאך האט זיך איבערגע'חזר'ט נאך אסאך מאל און ווען ביי יעדער חודש זעה איך אן עקסטערע השגחה פרטית וויאזוי די געלט קומט אן צו מיר. מיט די צייט האט זיך דער מצב פון מיין טאטע פארבעסערט, ער האט שוין געקענט באצאלן די געלט.

פון די יעניגע געשעענישן איז שוין אריבער צוואנציג יאר אבער נאך ביז היינט ווען איך געפין זיך אין א שוואכע מינוט דערמאן איך זיך פון יענער צייט און איך שטארק זיך אז אזוי ווי דעמאלטס האט השי"ת מיר צוגעשיקט וואס איך האב געדארפט אין א פונקטליכער וועג און אין די ריכטיגע מינוט וועט ער מיר אויך יעצט צושיקן וואס איך דארף און אויף א גוטער וועג.

## געלט בהיתר ולא באיסור

מער ווי איינמאל זעט מען בחוש ווי וואס עס איז באשערט קומט דיר אן אויף א היתר'דיגע וועג און פון גניבה דערלייגט מען נאר, ווייל וואס עס איז דיר באשערט וועט דיר אנקומען פון זיך אליין.

ביי מיר האט זיך אויך אפגעשפילט אזא מעשה, און איך טייל עס דא מיט:

פון ווען מיין שווער איז ל"ע געווארן אן אלמן קומט מיין פרוי אסאך אריבער צו אים אין שטוב און העלפט צו מיט די שטוב ווירטשאפט. איינס פון די זאכן מיט וואס זי איז זייער אקטיוו איז די נושא פון סארטירן די צעטלעך אין שטוב.
מיין שווער לייענט אסאך גליונות און יעדער מאל ווען ער באגעגענט זיך מיט א שיינער געדאנק וועט ער עס מיטנעמען מיט זיך און אוועקלייגן, מיט דער געדאנק אז אין איין טאג וועט עס אים צוניץ קומען און ער וועט עס קענען מיטטיילן מיט אנדערע.
די תוצאה פון אזא ווירטשאפט איז אז עס זאמלעט זיך אן א ים פון גליונות, דער בארג וועט נאר גרעסער און גרעסער און ווען מיין פרוי קומט אהין וועט זי סארטירן די הויפן און עס ברענגען אין א שטיקל סדר.
זי איז מסדר די בארג איינמאל אין א וואך אבער פון צייט צו צייט פעלט זיך אויס א גרינטליכער אונטערזוכונג און אמאל ווען זי האט געהאלטן אינמיטן מאכן אזא סדר האט זי זיך באגעגנט מיט אן אלטער בייטל פול מיט געלט. די בייטל איז געווען א זאמלונג פון אסאך סארטן וואלאוטעס און דער סך הכל פון די סומע איז געווען אכט טויזנט שקל.
עס איז א גרויסער סומע און שטייענדיג פאר די חתונה פון אונזערס א קינד האבן אונז אנגעהויבן טראכטן פון אלע מיני היתרים ווי אזוי מען קען נוצן די געלט. זי האט אפילו געטראכט אז אויב דער טאטע ווייסט נישט פון די געלט, אפשר קען זי עס בארגן און אפגעבן ווען עס וועט ווערן ברייטער, אבער זי האט זיך גלייך געשטארקט און וועלענדיג פארמיידן ארייגצוגיין אין א נסיון האט זי מיטגעטיילט מיט איר שוועסטער איבער די מציאה, אזוי אז זי וועט שוין נישט קענען מאכן א שוויג פון די גאנצע זאך, זי וועט עס מוזן אפגעבן פאר'ן טאטן.
א וואך איז אריבער פון די געשעעניש און איינער קלינגט אריין צו אונז אין שטוב און נאכ'ן זיך פארשטעלן אז ער איז א פארשטייער פון א געוויסע צדקה ארגינאזאציע זאגט ער אונז אז אזוי ווי מיר שטיין פאר א חתונה וויל ער אונז ארייגשיקן געלט פאר די חתונה.
אין דער פארגאנגענהייט האבן מיר זיך געוואנדן צו אים אבער ער האט אונז קיינמאל גארנישט געגעבן אבער יעצט האט ער ארייגעקלינגען פון זיך אליין אז ער גייט אונז געבן.
און וואס מיינט איר? די סומע איז געווען פונקט אכט טויזנט שקל!
ווייל וואס עס קומט - קומט און אז מען איז ערליך קומט עס אן אין ערליכן וועג.

## דער אראבער מיט ר' ישעי' בן ר' משה

עס רעדט דא א יונגערמאן פון בית שמש:
מיט א שטיק צייט צוריק האב איך זיך אריינגעצויגן אין א נייער בנין. ווי עס איז דער סדר אין נייע בנינים איז אייביג דא זאכן וואס מען דארף צוענדיגן צו די בויערי' און ביז ווען עס ווערט פולשטענדיג געענדיגט איז טרעפליך אז עס זאלן זיך דרייען ארבעטער אונטער די פיס.
ווען מען רעדט פון ארבעטער אין ארץ ישראל רעדט מען בעיקר פון אראבער. זיי בויען די געביידעס אין ארץ ישראל און זענען אויך זייער געשלאגן אין די נושא פון נטילת ידים... דהיינו אז זיי זענען קונה זאכן נאר מיט'ן זעגן...
יעדער איינער אין ארץ ישראל ווייסט אז אויב זיי דרייען זיך אונטער די פיס דארף מען האלטן די זאכן נאנט צו זיך. אויב האט מען עפעס איבערגעלאזט אין די גארטן קען מען פארגעסן דערפון...
אין די געביידע וואו מיר וואוינען ארבעט נאכנישט די עליוועטער און וועגן דעם טרעפט זיך זייער אפט אז מען לאזט איבער די קינדער קערדזשעס ביים ארייגאנג פון די געביידע.
עס איז געווען אין א טאג ווען דער שכן פון די זעקסטער שטאק האט אריינגעקלאפט צו מיר אין שטוב און געבעטן אז ער וויל בארגן א טעלעפאן צו מאכן א וויכטיגער קאלל. עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז ער האט איבערגעלאזט זיין קערידזש ביי דער אריינגאנג און אין דער קערידזש איז געלעגן זיין טאש מיט אסך זאכן.
דער טאש האט פארמאגט די קרעדיט קארד, זיין טעלעפאן און נאך טייערע חפצים. וועון ער האט זיך געכאפט איז שוין געווען צו שפעט, ער איז אראפגעלאפן אונטן אין איין אטעם, אבער ער האט געשעפטיגט...
ער האט שוין נישט געטראפן די וועגעלע, די טאש.
יעצט האט ער פראבירט אריינצורופן אין דעם נומער, אפשר וועט דער אויפהייבער אויפהייבן און אים אפגעבן די זאכן. ער האט אריינגעקלינגען עטליכע מאל אבער אין קול ואין עונה. עס איז אריבער עטליכע מינוט און דער טעלעפאן קלינגט צוריק. אויפ'ן ליניע האט גערעדט א פאליציאנט.
"צי האט איר אפשר פארלוירן א וועגעלע? האט ער געפרעגט א באזארגטער.
"יא". האט דער איד געזאגט.
עס האט נישט געדויערט לאנג און דער וועגעלע איז צוריקגעקומען גאנצערהייט ווען דער פאליציאנט דערציילט די מעשה:
איך בין געפארן מיט מיין קאר ווען פלוצלונג זעה איך ווי עס גייט א גרופע פון אראבער. צווישן זיי גייט איינער שפאצירן שטופנדיג א שיינער נייער וועגעלע.
"פון וואו האסטו די וועגעלע?" האב איך אים געפרעגט.
"איך האב עס געטראפן אין מיסט", האט ער געענטפערט אן ווערן צומישט.
איך האב אים גלייך פארדעכטיגט אבער איך האב עס נישט געקענט איבערווייזן אבער פלוצלונג האב איך געהערט ווי עס הייבט אן צו זינגען א ניגון.
"ר' ישעי' בן ר' משה פועל פאר כלל ישראל, בני, חיי, מזוני".
יעצט האב איך שוין געהאט א גרונט אויף וואס צו בויען מיין פארדאכט. איך האב געפאדערט פון דעם אראבער ער זאל שוין אפגעבן די וועגעלע מיט דער טאש און דא האסטו עס פאר דיר.

קבלה פון דער בעשטה"ק.
ער איז געווארן גערירט פון דעם און אנגעהויבן צוריקגיין אין ריכטונג פון זיין קאר. א רגע איידער ער איז אריין אין די קאר האט ער זיך צוריקגעקערט און אונז דערציילט אז לעצטענס האט ער זיך דערוויסט אז ער איז אן אייניקל פון בעל שם טוב הק'.
"איך שפיר אז דער בעל שם טוב הק' האט מיר אהערגעשיקט", האט דער איד צוגעלייגט.
דער איד איז געווען גערירט פון התרגשות. מיר זענען אויך געווען גערירט פון דעם. מיר האבן זיך אויסגעטוישט די טעלעפאן נומערן און פון דעמאלטס זענען מיר אין א דירעקטע פארבינדונג, ביסלעכווייז ווערט ער נעענטער צו השי"ת.
מיר האפן אז בקרוב וועט דער אייניקל פון בעל שם טוב הק' דאוונען אסאך מאל אבער נישט אלץ א צענטער וואס איז משלים די מנין נאר אלץ אן ערשטער.

## א נייער קינד - א נייע ארבעט

עס איז שוין א לענגערע צייט וואס מיין פרוי' ארבעט אין די ליניע פון העלפן עלטערע פרויען וועלכער דארפן אנקומען צו הילף פון אנדערע.
די ארבעט קען זיין זייער גרינג און געשמאק אבער עס קען זיין אסאך מאל זייער שווער.
ביז עטליכע חדשים צוריק איז מיין ווייב געווען איינגעשטעלט אין א געשמאקער פלאץ. צווישן איר און די עלטערע פרוי' האט זיך געוועבט א גוטער נאנטקייט, מען האט פארברענגט צוזאמען און אויסגעטוישט אינטערעסאנטע איבערלעבענישן.
אין א טאג איז ביי אונז געבוירן געווארן א קינד. נישט קענענדיג גיין צו די ארבעט האט מען אראנדזשירט א שטעל-פארטרעטער ווען די כוונה איז אז עס איז נאר צייטווייליג, און עווענטועל וועט מען צוריקגיין צו די ארבעט, אבער ווען מען האט זיך געוואלט צוריקקערן צו די ארבעט, האט די צייטווייליגע ממלא מקום געזאגט אז זי בלייבט אויפ'ן פלאץ, זי גייט נישט אוועק.
ווי מען שאצט ווארשיינליך האט זי זיך צוגעוואוינט צו די באדינגונגען און אויך צו די געהאלט און זי האט נישט געוואלט אפטרעטן פון איר אמט.
מיין פרוי איז געווען אויסערזיך פון כעס. זי האט געהאלטן אז מען איז איר באגאגאנען אן אומרעכט. זי האט געוואלט אנהייבן א טענה'ריי, אבער זי האט זיך זייער שנעל בארעכנט אז זי וועט ליבערשט מוותר זיין און השי"ת וועט שוין שיקן וואס עס פעלט זיך אויס.
זי האט געלאזט וויסן פאר די באהערדע איז זי זוכט ארבעט און נאך אין יענעם טאג האט מען איר פלוצלונג ארייגעקלינגען פון א צווייטע ארגינאזאציע מיט א גוטער פארשלאג, עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז די נייע פארשלאג איז געווען אסאך בעסער ווי די ערשטע סײ טעכניש און סײ געלטלויז האט עס ארייגעברענגט מער געלט.
דער אויספיר איז געווען אז זי האט נאר פארדינט פון די גאנצע זאך, מען האט געקענט זען בחוש וויאזוי דער 'מוותר' זיין און די אמונה האט ממשיך געווען א בעסערע זאך ווי די ערשטע.

# צוהערער פרעגן

שאלות און תשובות אין די טעמעס פון אמונה און ביטחון

**די לעצטערע תקופה איז א שווערע תקופה אין די וועלט. כלל ישראל האט נארוואס פארלוירן א צדיק יסוד עולם און אויך איז דא די מלחמה אין אוקראיינע און בנוסף זעט מען בחוש ווי אונזערע פיינט הייבן זיך דעם קאפ. וויאזוי קען זיך א איד מחזק זיין אין אזא צייט?**

שאלה נומער 42

פ.א. נוף הגליל

**אויפמערקזאמקייט: די אלע דערמאנטע תשובות וואס ווערן דא אראפגעברענגט זענען נישט קיין תשובות אויף הלכה למעשה. עס איז נאר א שמועס צווישן חברים דורך די חשובע לייענער. אויף די הלכה למעשה פון יעדער איינער זאל זיך יעדער מקיים דער 'עשה לך רב' און אנפרעגן ביי זיין פוסק אין די ענינים.**

## די ישועה איז גאר נאנט

**הרב גמליאל הכהן ראבינאוויטש פון בני ברק:** אין תהלים שטייט (קמ"ז, ח') "המכסה שמים בעבים המכין לארץ מטר". ווען די הימלען ווערן באדעקט מיט וואלקענעס איז א סימן אז עס גייט קומען א רעגן. נאכדעם געשעט וואס עס שטייט ווייטער אין פסוק "מצמיח הרים חציר" אז די ערד געט ארויס גוטע פירות. ווען אלעס זעט אויס פינסטער איז א סימן אז פון דא גייט ארויסקומען אן אור גדול, אז די גאולה איז שוין גאר נאנט.

**הרב נחמן גאלדבערג פון ירושלים:** דער סדר פון א ליכט איז אז איידער ער פארלעשט זיך צאנקט ער אבער א סעקונדע איידער ער פארלעשט זיך געט ער א פלאם אויף. די זעלבע איז אויך דא. מיר האפן אז מיר זענען שוין ביים סוף פון די גלות. מיר זענען געוואוינט צו לעבן רואיג אבער לעצטענס פארלירט מען די רואיגקייט, עס מערן זיך די צרות, לאמיר האפן אז דאס איז א סימן אז די גלות ענדיגט זיך שוין אט אט.

**הרב שמעון ראטמאן פון בית שמש:** אויף אונזערע עלטערן איז נגזר געווארן צו זיין פיר הונדערט און דרייסיג יאר אין גלות אבער למעשה איז מען געווען ווייניגער. פארוואס? ווייל דער קושי השיעבוד האט משלים געווען. לאמיר האפן אז די זעלבע איז אויך יעצט, אז די קושי השעבוד וועט משלים זיין.

## חזקו ונתחזקה

**הרב ניר ישי פון קרית מלאכי:** דער ליובוואטשער רבי זי"ע שרייבט אין א בריוו אז אן עצה זיך צו שטארקן אין אמונה איז משפיע צו זיין פאר אנדערע אמונה. עס קען זיין אז דער זעלבער געדאנק קען מען אויך נוצן דא. אז איר וועט משפיע זיין אויף אנדערע וועט איר אויך ווערן געשטארקט אין אמונה.

**הרב יצחק דוב פרידמאן פון ירושלים:** דער נביא אין ישעיהו (לג, יד) זאגט "פחדו בציון חטאים" ווען עס איז דא זינד איז דא א פחד. ווען א מענטש איז זיך מתחזק מיט יראת שמים גייט אראפ פון אים יעדער סארט פחד.

## מען פארלאזט זיך אויף אונזער טאטע אין הימל

**הרב אהרון בייפוס פון רכסים:** ווען מיר פארשטייען א זאך און פארוואס דאס האט געברענגט צו דאס זענען מיר געוואוינט צו זאגן אז עס איז השגחה פרטית. מען פארגעסט אבער אז אויך ווען זאכן גייען נישט אין שפאן איז עס אויך השגחה פרטית, אפילו מיר פארשטייען נישט וויאזוי. מען דארף גלייבן אז אלעס איז באמונה און מיט רחמים גדולים.

**הרב יהודה געווירצמאן פון בית שמש, הרב יאיר חיים כהן פון בית שמש:** עם ישראל איז חי וקיים. דער אידישער פאלק איז שוין אריבער אן א שיעור צרות און שחיטות און רדיפות פון אלע סארטן. מיר האבן נישט קיין זכות קיום בדרך הטבע. אונזער עקזיסטענץ איז בדרך נס. דער באשעפער איז נצחי און ווייל מיר זענען זיין פאלק זענען מיר אויך נצחי. עס פעלט נישט אויס צו זארגן ווייל עס איז סיי ווי העכער פון די טבע.

**הרב אפרים פישל ראבינאוויטש פון ירושלים:** ווען עס ברעכט אויס א מלחמה אין א מדינה זענען די מלכים און די שרי המדינה זייער באזארגט און פאר'דאגה'ט, אבער די פשוטע בירגער זענען ווייניגער באזארגט. זיי פארלאזן זיך אז זיי האבן א גוטער קעניג וואס וועט שוין קעמפן פאר זיי. דער זעלבער דארף זיין אויך ביי דיר. דו דארפסט נישט דאגה'נען. דו דארפסט וויסן אז עס איז דא איינער וואס פירט די וועלט. ער וועט נעמען אחריות אויף אלעס און ער וועט שוין קעיר נעמען פון אלעס וואס גייט פאָר און דיר העלפן.

**הרב חיים מאיר דאסקאל פון אלעד:** דוד המלך האט שוין געזאגט דער פסוק: "גם כי אלך בגיא צלמוות לא אירא רע כי אתה עמדי". דערמיט האט ער געוואלט זאגן אז אויך ווען זאכן זעען אויס נישט גוט דארף מען נישט מורא האבן ווייל ווען מען געפונט זיך מיט'ן רבוש"ע איז אלעס גוט, אפילו מען זעט עס נישט און אפילו מען פארשטייט עס נישט, אסאך מאל פארשטייט מען עס נישט גלייך אבער ענדע וועט מען עס פארשטיין.

## שאלה פאר גליון 92

איך ווארט שוין יארן לאנג צו טרעפן מיין באשערטע כלה אבער עס גייט נישט. איך האב שוין פראבירט זייער אסאך סגולות און וועגן, אבער גארנישט גייט נישט. איך טראכט אז אפשר קען עס זיין געבינדן צו עפעס א זאך וואס איך האב אמאל געטון צי בין אדם לחבירו אדער בין אדם למקום. וויאזוי קען מען דערגיין אזא זאך?

י. ס. ירושלים

**איבערצוגעבן שאלות און ענטפערס:**

איבערצולאזן מעסעדזשעס אויף דער האטליין נומער 02-30-11-300 נאכן אויסוועלן א שפראך דרוקט 3 < 5 [דער רעקארדינג באגרעניצט צו 3 מינוט] | אין אימעיל T023011300@gmail.com | אין פקס 02-6599-189

**ענטפערס וועלן אנגענומען ווערן ביז זונטאג פרשת בהעלותך. און וועלן ווערן אנגענומען נאר מיט א גאנצער נאמען און די שטאט - דער נאמען פון דער פרעגער און שטאט וועט געשריבן ווערן אין ראשי תיבות.**

# א פינטעלע ליכטיגקייט

אויסצוגן פון שיעורי המשפיעים אין האטליין

## א נקודה פון דער וואונדערליכער שיעור פון הרה"צ ר' יהודה מאנדעל שליט"א פון לעיקוואד

## מען רעדט צום באשעפער און מען זעט מורא'דיגע ישועות

מען דארף רעדן צום באשעפער. ער הערט און ער העלפט. אסאך מענטשן מיינען אז מען דארף רעדן גרויסע זאכן. מען דארף נישט גארנישט. מען דארף רעדן פשוט, מיט פשוט'ע ווערטער, פון הארץ ארויס. מען דארף זאגן: רבוש"ע העלף מיר! אז מען דארף א רפואה רעדט מען צום טאטן, מען בעט אים, שיק מיר א רפואה, דו ביסט דער בורא רפואות, שיק מיר א רפואה! אויף יעדער זאך, נאר בעטן, נאר רעדן, עס העלפט, מען זעט אפענע זאכן.

עס איז געווען א מעשה מיט א שטוב וואס איז געפארן אויף רעדער. די מאמע איז נישט געווען פעאיג צו פירן די שטוב. זי האט נישט פארשטאנען צו חינוך. אויך דער טאטע האט נישט געהאט די ריכטיגע כלים צו פירן די שטוב און דער שטוב איז געפארן אויף רעדער.

דער טאטע האט געזען אז דער מצב טויג נישט. ער האט פארשטאנען אז מען דארף עפעס טון. אבער וואס זאל ער טון? וואס קען ער טון? ער האט אריינגעטראכט וואס ער קען טון און איז געקומען צום אויספיר אז עס איז דא איין זאך וואס ער קען טון: ער קען רעדן צום רבוש"ע.

ער קען אים זאגן מיט א פשטות, מיט א גראדקייט, מיט א ריינער תמימות, אז דו זעסט דאך וואס דא גייט פאר, דו זעסט דאך ווי מיין שטוב זעט אויס, איך בעט דיר, העלף מיר ערציען מיינע קינדער, עס איז דאך דיינע קינדער, שטארק זיי, העלף אז זיי זאלן האבן גוטע מידות, אז זיי זאלן זיין קלוג, פארשטענדליך, געזעצט, אז זיי זאלן אויסוואקסן ערליך און געזונט. און וואונדער! דער איד האט זוכה געווען אויפצושטעלן א הערליכער שטוב, זיינע קינדער זענען געזונט און געזעצט, ערליך און פיין, יראים ושלמים.

אלעס ווייל ער האט גערעדט צום באשעפער פון הארץ ארויס.

נאך א מעשה איז געווען מיט א פרוי וואס איר מאן איז נעבעך אראפ פון וועג. מען האט זיך געמוזט שיידן. איין קינד איז געבליבן מיט'ן טאטן. די מאמע האט עס נישט אויסגעהאלטן. זי האט געוואלט אז אויך דער קינד זאל וואקסן ערליך, אבער וואס קען זי דען טון? אירע הענט זענען געווען געבינדן.

איין זאך האט זי געקענט טון און דאס איז תפילה. זי האט געבעטן ביי השי"ת. טאג און נאכט האט זי מתפלל געווען. ווען זי האט געהאט אן איבריגע מינוט האט זי געבעטן און געבעטן אז השי"ת זאל רחמנות האבן אויף איר קינד און אים העלפן ערציען ערליכע קינדער.

די יארן זענען געלאפן. דער קינד איז אונטערגעוואקסן און ער איז צוריקגעקומען צו זיין אויף א באזוך. זי קוקט אים אן און זי גלייבט נישט. דער קינד איז ערליך. ער גייט א קאפעל, עס הענגט ארויס פון אים צוויי ציצית.

וויאזוי קען דאס זיין?

דער קינד דערציילט איר אז פון זיין טאטע האט ער טאקע באקומען א שלעכטער חינוך, א חינוך פון פריקות עול. מיט די יארן איז ער געגאנגען אין אוניווערזיטעט און דארט האט די השגחה העליונה צוגעפירט אז ער האט זיך באגעגנט מיט א רב וואס איז עוסק אין קירוב רחוקים. דער רב האט געהאט אויף אים אן אויסטערלישער השפעה און אים צוריקגעברענגט צום שורש, ער איז געווארן אן ערליכער איד מיט אלע פירושים.

עס איז דא א יונגערמאן וואס קומט צו מיר פון צייט צו צייט. דער יונגערמאן איז א שבר כלי און מיר זענען זיך מחזק. אמאל ערב שבת קלינגט ער מיר אן און זאגט מיר אז ער איז זייער צובראכן, ער דארף חיזוק.

עס האט זיך פונקט געמאכט אז איך האב אים נישט געקענט אויפנעמען אבער במשך פון די שבת האב איך מתפלל געווען צום רבוש"ע זאגנדיג פאר'ן באשעפער אז ער קען דאך מחזק זיין. זאל ער אים מחזק זיין. נאך שבת רעד איך מיט דעם יונגערמאן. איך פרעג אים וויאזוי דער שבת איז אריבער, ער זאגט מיר אז ער האט א געהויבענער שבת, ער ווייסט אליין נישט פארוואס, אבער א גאנץ שבת האט ער געהאט א געפיל אז מען שטארקט אים, אז איינער איז אים מחזק, ער האט נישט געוואוסט אז דער חיזוק קומט פון באשעפער, דער רבוש"ע איז אים מחזק, ווייל מיט תפלה קען מען אלעס פועל'ן, אויך חיזוק.

קחו עמכם דברים והתפללו אל השם.

**די שיעורים פון הרה"צ ר' יהודה מנדל שליט"א ווער ארויפגעלייגט דורכאויס די וואך אויף אידיש, העברעאיש און ענגליש, אין נומער 2 < 2** [נאכן אויסוועלן די שפראך]

# א פרטיות'דיגע השפעה

### מצד די באקומער

פון טיפן הארצן וויל איך דא אויסדרוקן פאר ענק מיין דאנק. אין אייער זכות בין איך זוכה צו ווערן נאנט צו השי"ת און זיך אנזעטיגן פון קרבת אלקים. אלע שיעורים זענען מורא'דיג אבער איך שעפ ספעציעלע חיזוק פון דער טאג טעגליכער מעסעדזש. עס איז קורץ אבער די השפעה איז זייער לאנג. איך ווינטש ענק אז איר זאלט זוכה זיין ממשיך צו זיין מיט אייערע עבודת הקודש און קענען אריינברענגען פאר אסאך אידן דער אור צו וועמען מיר זענען באמת שייך, וואספארא גרויסע באשעפער מיר האבן, ווי גוט איז אונזער הייליגער קעניג.

### מצד די געבער

איך האב נישט מצליח געווען ביי מיין ארבעט. איך האב געזוכט א נייער ארבעט, איך האב צוגעזאגט אז די מעשר פון די ערשטע דריי חדשים וועל איך געבן פאר די מכון פון השגחה פרטית, און איך האב גלייך געטראפן א נייער ארבעט.

נעם דו אויך א חלק אין די באוועגונג אויסצושפרייטן אמונה איבער די וועלט

און זיי זוכה צו די הייליגע הבטחה פון זוה"ק

**צו האבן קינדער און קינדס קינדער יראים ושלמים**

**רוף יעצט אריין: 02.6313.742**

| העברה לבנק | משלוח בדואר | בעמדות נדרים |
| --- | --- | --- |
| לאומי סניף 902 | לת.ד. 5475 | פלוס על שם |
| חשבון 57390056 | ירושלים | 'שער הבטחון' |

וועלט איר אנטייל נעמען אויסצושפרייטן די גליון אין אייער געגנט

**קלינגט אריין אין אפיס**

**02-5866-075**

מענטשליכער ענטפער צווישן די שעות 12:00 און 14:00

אויב איז נישטא קיין ענטפער לאזט איבער א מעסעדזש אין אלע שעות פון טאג און מיר וועלן אייך צוריקרופן בס"ד

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל,

שרייבט צו: B023011300@GMAIL.COM

דער פארשרייבונג אין דעם אימעיל איז פאר דער גליון אויף אידיש, העברעאיש און ענגליש

דער ציל פון דעם גליון איז מקרב צו זיין אידן לעבודת השם. חלילה אז ער זאל שטערן א איד דאווענען אדער אויסהערן קריאת התורה